Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
LODZER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען

היינט 10 זייטען.

# לאדזשער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

| Nr. 34 | Łódź, Niedziela 9 lutego 1930 | אכטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, יא שבט תר״צ | Nr. 34 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אדמיניסטראטיווער ראט פון דער יוד. אגענץ

## ווערט צונויפגערופען אויפ'ן 23=טען מערץ

נידיארק, 8. (יט"ע טעלעגראפיש) דער פרעזידענט פון ארמיניסטראטיווען ראט פון דער יודישער אגענץ ה' פעליקס ווארבורג האט ערקלערט אפיציעל אז די סעסיע פון ארמיניסטראטיווען ראט וועט פארקומען דעם 23. מערץ אין לאנדאן.

### ערמארדעט דעם בראזילישען וויצע-פרעזידענט

בנת'ן אטענטאט זענען אומגעקומען נאך 5 מענשען

לאנדאן, 8. (אטע) מען מעלדעט פון ריא־רעדזשאנעירא, אז בעת דעם אטענטאט אויפ'ן וויצע־פרעזידענט פון בראזיליען ד"ר מעלא וויאנא, זענען אומגעקומען 5 פערזאן, 20 זענען שווער פערוואונדעט געווארען, דער וויצע־פרעזידענט איז געשטארבען גלייך נאכ'ן אטענטאט, די רעגירונג האט ערקלערט בעלאגערונגס־צושטאנד אין שטאט מונא נע־אן און האט אונטערגענומען אויסערגעוועהנליכע פארזיכטיקייטס־מיטלען.

### ארעסטירט קאמוניסטען אין חיפה

ירושלים, 8. (יט"א טעלעגראפיש).
אין חיפה זענען ארעסטירט געווארען עטליכע קאמוניסטען, מ'האט ביי זיי געפונען פיל קאמוניס־טישע ליטעראטור.

### שטורמישע זיצונג אין פראנ-צויזישען פארלאמענט

ניסט געלאזט רעדען לעאן בלום'ען און ניסט דעם פרעמיער

פאריז, 8. (ספ. טעל.) די היינטיגע נאכט־זיצונג פון פראנצויזישען פארלאמענט, אויף וועל־כער ס'איז בעטראכט געווארען וועגען די סאציאלע פערזיכערונגען, איז געווען א זעהר שטורמישע.
ווען אויף דער טריבונע האט זיך בעוויזען דער סאציאליסטישער אנפיהרער לעאן בלום, איז ענט־שטאנען א געוואלדיגער טומעל און בלום האט נישט געקענט רעדען.
דערפאר ווען ס'האט געוואלט רעדען דער פרעמיער טארדיע האבען די סאציאליסטען איינגע־ארדענט אזא שטארקע אבסטרוקציע, אז דער פאר־זיצענדער האט געמוזט שליסען די זיצונג.

### א גרוס פון דיסעלדארפער מערדער

דיסעלדארף, 8. (ספ. טעל.) דער דיסעל־דארפער מערדער האט ווידער געלאזט הערען פון זיך, נעכטען האט ער געפרובט פערנארען א 4־יעהריג מיידעלע, מ'האט עס אבער בעמערקט און דער פערשוין איז נעלם געווארען.

די קאאפעראטיווע האנדווערקער=באנק אין לאדז
**Bank Spółdzielczy w Łodzi**
**Południowa 4, tel. 126-07**
עקזיסטירט פון 1911 יאהר. עקזיסטירט פון 1911 יאהר.
נעהמט אן אינקאסא-אויפטראגען אין פוילען, ווי אויך אין אויסלאנד :—: אויף אלע שטעט און שטעטלעך :—:
די אינקאסא ווערט אויסגעצאהלט דעם זעלבען טאג פון איינגאנג.
ערטיילט אויך אוואנסען אויף אינקאסא=פארטפעל ביז 50 פראצ.
דער ראט און פערוואלטונג

אויפפאדערונג
צו איצעקל שאץ פון קאמעניעץ=פאדאלסק,
דעם שווער פון ה' גרישא שאפאוואל
וועלכער וואוינט ביי זיין טאכטער שיינדעל פ. פון צרשטען מאן אסטראווסקא.
הגם איך האב אייך איינינע מאל גערופען צו הרב ר' משה מנחם שליט"א לדין און איהר זענט נישט געקומען. איך האב אייך עפענטליך אן פנעפאדערט מיר צוריקצוגעבען די טובה-וועקסלען, האט איהר זיי נישט צוריקגעגעבען. נאכמעהר, ווי איך האב געהערט האט איהר זיך בעמיהט זיי לאזען אין קורס. איצט. ווען איהר האט געקויפט מעבעל, דיוואנעס, לאמפען און קריסטאלען האט איהר זיי געוואלט געבען אין רעקונג.
איך פאדער אייך אויף במשך פון דריי טעג די וועקסלען מיר אפצושיקען, דען סאַ די ווייטערדיגע פאלגען בין איך נישט פעראנטווארטליך.
ב. פארעצקי.

פאלקס = אוניווערזיטעט
ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.
היינט, זונטאג 9/2 8.30 אוו. אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (צגעלניאנא 4)
פארלעזונג
א.ד.ט. „יודען אלס ענטדעקער און ערפינדער"
פרעלעגענט: רעד. י. אונער.
איינגאנג פריי! איינגאנג פריי!

צאהן-דאקטאר
L. Berger
זגערזשער 21. פראנט, 1 שטאק, עמפאנגס-שעהן פון 9,30 ביז 1 בייטאג און פון 5 ביז 8,30 אווענד.

צאהן=ארצט
St. Gelberg
וואוינט יעצט
Zawadzka 14, tel. 108-33
נעהמט אן פון 10-2 און פון 4-7.

צו דער פערלאבונג פון אונזערע קרובים
סאלא שלאמאוויטש מיט וו. בענעדיק
סימע בענעדיק מיט ר.ל. שלאמאוויטש
די הארציגסטע וואונשען.
מאשקע און א. וו. יאסני.

מיר דריקען אויס אינזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער פער-וואלטונגס-מיטגליד חיים בויהם צוליב דעם טויט פון זיין
מוטער נ. ע.
המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
די פערוואלטונג פון יודישען בעקער-צעך.

ווייכטיג נייעס
פאר דער לאדזער בעפעלקערונג!
צוליב דעם הערשענדען קריזיס, האב איך אין מיין בעוואוסט ווארשט=געשעפט אויף נארוטאוויטשא 19 (דזיעלנא) פערקלענערט אלע פרייזען פון אלע גרויבערטע פליישען, ווי:
פון אויפשניט, סאלאמי-ווארשט,
קאך-ווארשט, סעלצער-ווארשט,
ווינער ווארשטלעך, אלעס צו בעדייטענד ביליגערע פרייזען.
מיט אכטונג
לאנג=עקזיסטירענד ווארשט=געשעפט
י. האנדעלסמאן,
נארוטאוויטשא 19 (דזיעלנא)
קומט און איבערצייגט אייך!
בעמערקונג: ווארשטלעך מיט קרויט צו יעדער צייט.

